**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון סאלאר פארם אין אלעגאני קאונטי**

***100 MW פראיעקט ערווארטעט צו שאפן מער פון 170 דזשאבס און צושטעלן עלעקטריציטעט פאר 13,000 הײמער***

***16'טע גרויסארטיגער רײנע ענערגיע פראיעקט באשטעטיגט דורך ORES זינט 2021***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון רײנע ענערגיע לאקאציעס און עלעקטריציטעט אריבערפירונג ( Office of Renewable Energy Siting and Electric Transmission, ORES) האט ארויסגעגעבן אן ענדגילטיגע לאקאציע פערמיט פאר די Alfred Oaks סאלאר פארם. דער פראיעקט, געפונענדיג זיך אין די טאון אָוו אלפרעד, אלעגאני קאונטי, וועט אויפטרייבן 100-מעגאַוואַטס (MW) פון רײנע, באנייבארע ענערגיע און רעכנט אריין א 20 MW באטעריע סטארעדזש איינריכטונג אויפן זעלבן ארט. איינמאל עס וועט זיין אין אפעראציע וועט די איינריכטונג רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט איבער 87,250 מעטריק טאן יערליך — די מאס וואס וואלט אוועקגענומען געווארן דורכן אראפנעמען מער פון 49,400 קארן פון די שאסיי. דער פראיעקט וועט פראדוצירן גענוג עלעקטריציטעט צו צושטעלן טרייב-קראפט פאר מער פון 13,000 דורכשניטליכע הייזער.

"ניו יארק זעצט פאר צו אונטערנעמען גרויסע שריט אין ריכטונג פון שאפן א רײנע-ענערגיע עקאנאמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט דאס ארויסגעבן די לאקאציע פערמיט, טוהען מיר שאפן שײן-באצאלטע דזשאבס פון וועלכע מען קען אויסהאלטן א פאמיליע אין מערב ניו יארק, בשעת'ן צושטעלן רײנע ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע ענערגיע פאר אונזערע פאמיליעס און ביזנעסער."

די היינטיגע אנאנסירונג צייכנט אפ די 16'טע גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע איינריכטונג פערמיט ארויסגעגעבן דורך ORES זינט 2021. אין סך הכל ערמעגליכן די פערמיטס איבער 2.4 גיגאַוואַטס פון נייע רײנע ענערגיע. די ערפאלג טוט אונטערשטרייכן ניו יארק'ס קלימאט פירערשאפט און טוט רעפלעקטירן די שנעלסטע גאנג פון גרויסע באנייבארע ענערגיע פאסיליטי באשטעטיגונגען אין די סטעיט היסטאריע.

די Alfred Oaks סאלאר פארם וועט באשטיין פון שורות פון פאָטאָ-וואלטעיאיק פאנעלן, די פארבינדענע אינפראסטרוקטור, א באטעריע סטארעדזש איינריכטונג און עלעקטריציטעט דראטן פון אויבן זיך פארבינדנדיג צו די עקזיסטירנדע 115-קילאוואלט (kV) Andover-Palmiter Road עלעקטריציטעט דראטן סיסטעם וואס איז אין אייגנטום און אויפהאלטונג פון New York State Electric & Gas Corporation.

די קאנסטרוקציע פון די איינריכטונג וועט שאפן 170 פול-טיים דזשאבס, אויפטרייבנדיג אומגעפער 22.8 מיליאן דאלאר אין איינקונפטן און אזוי אויך דזשאבס פאר אזויפיל שעות ווי צוויי פול-טיים דזשאבס דורכאויס די אפעראציע מיט א געשאצטע 120,000$ יערליכע איינקונפטן.

Alfred Oaks Solar LLC, דער פראיעקט דעוועלאפער, איז ערווארטעט צו צושטעלן באדייטנדע פינאנצירונג פאר די קאונטי, טאונס און סקול דיסטריקטס אין פארעם פון דירעקטע באצאלונגען אנשטאט שטייערן און אזוי אויך צו שליסן אפמאכן מיט די קאמיוניטיס צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור, נאך סערוויסעס און הילפס-מיטלען פאר איינוואוינער אין די קאמיוניטיס אין די אומגעגנט פון די לאקאציע פון די איינריכטונג.

**אפיס פון ריינע ענערגיע לאקאציעס און עלעקטריציטעט אריבערפירונג צייטווייליגע עקזעקיוטיוו דירעקטארין, דזשעסיקע וואלדארף, האט געזאגט,** "די אנאנסירונג איבער די ענדגילטיגע לאקאציע פערמיט פאר Alfred Oaks איז א ביישפיל פון די סטעיט'ס פארגעזעצטע איבערגעגעבנקייט צו פאראנטווארטליכע דעוועלאפמענט פון גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען. מיט די ערשטע פערמיט ארויסגעגעבן דורך ORES ביי איר נייע היים אין די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס, זעצט ORES פאר צו זיין אין א גוטע פאזיציע צו העלפן ערגרייכן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע ציהלן, בשעת'ן פארזיכערן די באשיצונג פון די סביבה און זיך אפרופן צו די קאמיוניטי'ס קאמענטארן."

**סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צייטווייליגע קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג איז א ווייטערע באווייז איבער גאווערנער האקול'ס אנהאלטנדע איבערגעגעבנקייט צו צוביסלעך אונז אראפנעמען פון די אנגעוויזנקייט אויף פארפעסטיגנדע פאַסיל ברענשטאף, צו רעדוצירן קלימאט-טוישנדע גאז עמיסיעס און אריבערפירן ניו יארק סטעיט צו ריינע, באנייבארע ענערגיע מקורות ווי סאלאר. די DEC לויבט אויס די גאווערנער און ORES פאר זייערע באמיאונגען צו זיכער מאכן אז סאלאר ווערט פלאצירט אויף א פאראנטווארטליכן אופן אין ניו יארק סטעיט כדי צו בענעפיטירן אונזערע קאמיוניטיס און די סביבה."

**Alliance for Clean Energy New York עקזעקיוטיוו דירעקטארין, מארגעריט וועלס, האט געזאגט,** "יעדן טאג וואס א ריינע ענערגיע פראיעקט רוקט זיך אויף פאראויס איז א גוטע טאג אין ניו יארק. דער פראיעקט וועט ברענגען עכטע, ממשות'דיגע בענעפיטן פאר מערב ניו יארק אריינרעכענענדיג 170 נייע דזשאבס. מיר באדאנקען די גאווערנער און ORES פאר זייער פירערשאפט און פארן אנערקענען די ווערט פון דעם פראיעקט פאר די פובליקום און עס פאראויס שטופן צו די קומענדיגע שטאפל."

**New York League of Conservation Voters פרעזידענט, דזשולי טייה, האט געזאגט,** "ריינע עלעקטריציטעט, גרינע דזשאבס און קריטישע ענערגיע סטארעדזש — די זון שיינט לעכטיג אויף ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע מיט גאווערנער האקול אנאנסירנדיג די באשטעטיגונג פון דעם 100 MW סאלאר פארם און באטעריע ענערגיע סטארעדזש פראיעקט. אזוי ווי דער קלימאט קריזיס ווערט מער און מער דרינגנד מיט יעדן טאג, קענען מיר מער זיך נישט ערלויבן צו בלויז רעדן איבער ריינע ענערגיע — מיר דארפן אהערשטעלן עכטע פראיעקטן אויפן שטח, ווי דער Alfred Oaks סאלאר פארם, און מער באטעריע סטארעדזש אויף א פארנעם וואס קען גענוצט ווערן פאר יוטיליטיס כדי אונזער גריד זאל זיין אזוי פארלעסליך ווי עס איז שטאנדהאפטיג."

**סופערוויזער פון די טאון אָוו אלפרעד, פיאָון מעקריע, האט געזאגט,** "דער Alfred Oaks סאלאר פראיעקט ברענגט א באדייטנדע און נויטיגע טויש אין ענערגיע פראדוקציע. שטעטלישע ניו יארק סטעיט שטעט ווי אלפרעד געפונען זיך אויפן סאמע פראנט פון די נייע אינוועסטירונגען, וואו די גרויסארטיגע

אינסטאלאציעס קומען מיט קאסטן און באלוינען. אונזער ערפארונג ביז היינט אין אלפרעד האט געוויזן אז ORES, די DEC און אנדערע סטעיט אפיסעס זענען וויכטיגע שפילערס ביים זיכער מאכן די פאראנטווארטליכע און גערעכטע דעוועלאפמענט פון פראיעקטן אריבער די סטעיט. מיר קוקן ארויס צו אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט סטעיט פירער וועלכע שטיצן לאקאלע רעגירונג באטייליגונג אין ניו יארק'ס ריינערע ענערגיע צוקונפט."

**Northland Power סיניאר דירעקטאר פון דעוועלאפמענט, קריס סטענטאן, האט געזאגט,** "די סטעיט'ס באשטעטיגונג פון די לאקאציע פערמיט פאר אונזער Alfred Oaks סאלאר פראיעקט אין אלעגאני קאונטי איז א קריטישע טריט פאראויס אין דעם פראיעקט'ס דעוועלאפמענט און קומט אלס רעזולטאט פון שטארקע צוזאמענארבטנדע ארבעטס באציאונגען מיט די טאון אָוו אלפרעד און אנדערע לאקאל-פארמישטע קערפערשאפטן. מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן בשותפות מיט אלפרעד אוניווערסיטעט, אנדערע לאקאלע עדזשוקעישען אינסטיטוציעס, לעיבאר יוניאנס און לאקאלע און ראיאנישע סופלייערס צו ברענגען דעם פראיעקט צו אויסגעפירט ווערן אין די קומענדיגע יארן."

די אלפרעד סאלאר פארם אפליקאציע איז באשטימט געווארן צו זיין פארענדיגט אום יאנואר 16, 2024, און אן ערשטיגע ווערסיע פון די פערמיט איז ארויסגעגעבן געווארן דורך ORES אום מערץ 18, 2024. נאכפאלגנדיג דאס ארויסגעבן די ערשטיגע ווערסיע פון די פערמיט, האט די ORES אנגענומען געשריבענע קאמענטארן פון די פובליקום פאר 60 טעג, און זי האט אפגעהאלטן אן עפנטליכע באגעגעניש אום מאי 29, 2024 צו הערן פון די פובליקום. ORES'ס באשלוס פאלגט נאך א גרונטליכע, צייטליכע און אפענע איבערבליק פראצעדור, זיכער מאכנדיג אז ארטיקל VIII פון דעם ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס געזעץ (Public Service Law) און די רעגולאציעס וואס פירן דאס איין ווערן אויסגעפאלגט.

דער פראיעקט און אנדערע גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען וואס האבן באקומען פערמיטס און וואס זענען יעצט אונטער איבערבליק פון ORES זענען טייל פון ניו יארק'ס ברייטערע סטראטעגיע צו ארבעטן אין ריכטונג פון די ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act, "דער קלימאט געזעץ") וואס פארלאנגט אז 70 פראצענט פון עלעקטריציטעט זאל קומען פון באנייבארע מקורות ביז 2030 און צו האבן א פולשטענדיג עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040.
פאר מער אינפארמאציע איבער דעם Alfred Oaks פראיעקט און אנדערע ORES סאלאר פראיעקטן, באזוכט די ORES וועבזייטל אויף https://dps.ny.gov/ores.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכנענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג ( New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן אין ריכטונג פון אנקומען צו אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע

אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון 28 ביליאן דאלאר אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק (NY Green Bank) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 170,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2022 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די דיסטריביוּטעד סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט מער פון 400 רעגיסטרירטע און מער פון 130 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן